**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/12/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול באטייליגט זיך ביי פייערליכע עפענונג פון די NATIONAL URBAN LEAGUE EMPOWERMENT CENTER אין הארלעם

***242 מיליאן דאלארדיגע איבערבויאונג פאר געמישטע צוועקן, מיט National Urban League הויפטקווארטיר אלס צענטערפונקט, ברענגט 170 אפּאָרדעבעל און שטיצנדע היימער, ריטעיל געשעפטן און קולטורישע פלעצער צו th Street125 אומגעגנט***

***עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט האט צוגעשטעלט מער פון 20 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג צו שטיצן דעם פראיעקט'ס קאנסטרוקציע, איבערבויאונג און צוקונפטיגע Urban Civil Rights מוזעאום***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט זיך היינט אנגעשלאסן מיט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופּ נייט), קאמיוניטי פירער און דעוועלאפמענט שותפים זיך באטייליגנדיג ביי די פייערליכע עפענונג פון די National Urban League'ס נייע הויפטקווארטיר ביי די Urban League Empowerment Center אין הארלעם. די עפענונג צייכנט אפּ א היסטארישע צוריקקער אהיים פון איינס פון די לאנד'ס מערסט פראמינענטע ציווילע רעכטן ארגאניזאציעס, זיך צוריקקערנדיג צו אירע שורשים אין הארלעם וואו עס איז געגרונדעט געווארן אין 1910. דאס איז די ענדגילטיגע תוצאה פון א טראנספארמאטיווע שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן, אנגעפירט דורך ESD און די סיטי אָוו ניו יארק, צו ברענגען נייע געלעגנהייטן, אפּאָרדעבעל האוזינג און קאמיוניטי אינוועסטירונג צו די th Street125 אומגעגנט.

די 242 מיליאן דאלארדיגע Urban League Empowerment Center מיט געמישטע באנוצן רעכנט אריין די National Urban League'ס נייע נאציאנאלע הויפטקווארטיר; די צוקונפטיגע Urban Civil Rights (שטאטישע ציווילע רעכטן) מוזעאום אין הארלעם; ריטעיל געשעפטן, אריינרעכענענדיג פראמינענטע טענאנטס Trader Joe's און Target; 170 אפּאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג יוניטס; און צוגאבליכע אפיס פלאץ פאר קאמיוניטי-באזירטע וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס. אין שטיצע פון דעם פראיעקט, האט ESD צוגעשטעלט מער פון 20 מיליאן דאלאר אין סך הכל פינאנצירונג. די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) שטיצט די 170 אפּאָרדעבעל האוזינג יוניטס דורך איר פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט (Federal Low-Income Housing Tax Credit) פראגראם וועלכער האט איפגעטריבן 34.7 מיליאן דאלאר פון אינוועסטירער; 31.1 מיליאן דאלאר פון איר 'שטיצנדע האוזינג געלעגנהייט' ( Supportive Housing Opportunity) פראגראם; 11.7 מיליאן דאלאר אין באנדס וועלכע זענען פערמאנענט פטור פון טעקס פון איר האוזינג פינאנץ אגענטור (Housing Finance Agency); און 3 מיליאן דאלאר פון איר פעדעראלע האוזינג טראסט פאָנד (Federal Housing Trust Fund).

"הארלעם איז שטענדיג געשטאנען אין די הארץ פון אונזער לאנד'ס געשיכטע פון ציווילע רעכטן, און די נייע Urban League Empowerment Center ארבעט צו זיכער מאכן אז די גייסט וועט פארזעצן פאר פילע קומענדיגע דורות", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דער פראיעקט איז א ביישפיל פון וואס געשעהט ווען מיר אינוועסטירן אין מענטשן און פלעצער, שאפנדיג אפאָרדעבעל האוזינג, ברענגענדיג דזשאבס און וויכטיגע ריטעיל געשעפטן צו 125th Street און ווידערהאלן ניו יארק'ס פארפליכטונג צו גערעכטיגקייט און גלעלגנהייט. איך בין שטאלץ צו פייערן די דערגרייכונג מיט די National Urban League און אלע שותפים וועלכע האבן געהאלפן ברענגען דעם חזון צו פארווירקליכט ווערן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופ נייט), האט געזאגט,** "די Urban League Empowerment Center איז אן אמת'ע מוסטער פון יעדן-ארייננעמנדע עקאנאמישע אנטוויקלונג — א פראיעקט וואס טוט נישט נאר באעהרן הארלעם'ס היסטאריע, נאר טוט אויך פארשטערקערן איר צוקונפט. ESD איז שטאלץ געווען צו שפילן א פירנדע ראלע ביים ערמעגליכן די טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג, צוזאמפארנדיג סטעיט מיטלען מיט געדאנקען פון די קאמיוניטי צו אהערשטעלן האוזינג, ריטעיל געשעפטן, קולטורישע פלעצער און די National Urban League'ס קביעות'דיגע היים. דאס איז עקאנאמישע באפולמעכטיגונג ביים ארבעט, און א מאכטפולע ביישפיל פון וויאזוי צוזאמענארבעט קען טרייבן סיי פארשריט און סיי גערעכטיגקייט."

**National Urban League פרעזידענט און CEO, Marc H. Morial (מארק ה. מאָריאל), האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול)'ס שטיצע פאר דעם טראנספארמאטיוון עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקט — די סטעיט האט געהאלפן מאכן היסטאריע אין הארלעם."

**ניו יארק סיטי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Regional Economic Development Council, REDC) פארזיצער, Félix V. Matos Rodríguez (פעליקס וו. מאטאָס ראדריגעז), סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York) טשענסעלאר, און William D. Rahm (וויליאם ד. ראַהם), CEO פון Everview Partners, האבן געזאגט,** "די Urban League Empowerment Center איז א מאכטפולע ביישפיל פון וויאזוי צוזאמענארבעט צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן קען האבן אן אנהאלטנדע, קאמיוניטי-געטריבענע השפעה. דער פראיעקט ברענגט אפאָרדעבעל האוזינג, דזשאבס און נייע קולטורישע אוצרות צו הארלעם, בשעת'ן ווידערהאלן ניו יארק סיטי'ס פירערשאפט אין יעדן-ארייננעמנדע עקאנאמישע וואוקס. די קאונסיל איז שטאלץ צו האבן געשטיצט א חזון וואס באעהרט הארלעם'ס היסטאריע און בויט אויף גלעלגנהייטן פאר איר צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability) קאמישאנער, Barbara C. Guinn (בארבארע סי. גווין), האט געזאגט,** "די געוואלדיגע דעוועלאפמענט וועט האבן א גאר פאזיטיווע השפעה אויף די קאמיוניטי, און מיר שליסן זיך אן מיט אונזערע שותפים ביים פייערן די פארענדיגונג פון די Urban League Empowerment Center. מיר זענען דאנקבאר פאר די אריינרעכענונג פון שטיצנדע האוזינג אין די דעוועלאפמענט, וואס וועט צושטעלן סטאבילע האוזינג און סערוויסעס פאר יונגע ערוואקסענע וועלכע זענען אריבער היימלאזיגקייט, זיי ברענגענדיג סטאביליטעט און זיי העלפנדיג בליהען אלס טייל פון די קאמיוניטי."

**סטעיט סענאטארשע Cordell Cleare (קארדעל קלעיר) האט געזאגט,** "היינט נעמען מיר אויף די National Urban League צוריק אהיים צו הארלעם, די 'טונקל-הויטיגע הויפטשטאט פון די וועלט'. 125th Street איז די פאסיגע פלאץ פאר בארייכערנדע און באפולמעכטיגנדע סערוויסעס און פראגראמען, אריינרעכענענדיג די Urban Civil Rights מוזעאום. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די וועלכע האבן דאס ערמעגליכט און פאר אונזער קאמיוניטי, וואס פארדינט זיך דאס אזוי שטארק."

די Urban League Empowerment Center שטייט אויף א 42,000-סקווער-פיסיגע שטח צווישן Adam Clayton Powell Jr. Boulevard און Lenox Avenue/Malcolm X Boulevard, דעוועלאפט דורך א שותפות צווישן די National Urban League, BRP Companies, L+M Development Partners, Taconic Partners און די סיטי און סטעיט אָוו ניו יארק. די קאמפלעקס מיט געמישטע באנוצן רעכנט אריין אומגעפער 66,000 סקווער פיס פאר ריטעיל געשעפטן, 75,000 סקווער פיס פון אפיס פלאץ, 55,000 סקווער פיס פון פלאץ פאר קאמיוניטי איינריכטונגען און 170 אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג יוניטס.

אין צוגאב צום אריינגעמען די National Urban League'ס נאציאנאלע הויפטקווארטיר, וועט די צענטער אריינרעכענען די צוקונפטיגע Urban Civil Rights מוזעאום אין הארלעם – די ערשטע פון די סארט אין ניו יארק סטעיט – געשטיצט דורך א $250,000 Market New York גרענט צו אנטוויקלען די ברענדינג, מארקעטינג און אריינציהאונג פון די פובליקום.

דער פראיעקט בויט ארויף אויף מער פון א יאר צענדליג פון צוזאמענארבעט צווישן ESD און די ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט צו אויפלעבן הארלעם'ס 125th Street אומגעגנט, פאראויס שטופנדיג סטעיט און סיטי ציהלן צו בויען אפאָרדעבעל האוזינג, שאפן נייע דזשאבס און אריינגעמען יעדן אין די עקאנאמיע.

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור, און עס שטיצט ביזנעס וואוקס, די שאפונג פון נייע דזשאבס און מער עקאנאמישע געלעגנהייטן אריבער די סטעיט. מיט אפיסעס אין יעדע פון די סטעיט'ס 10 ראיאנען, טוט די ESD איבערזעהן די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס (Regional Economic Development Councils), שטיצן אינטערנעט סערוויס גלייכקייט דורך די ConnectAll אפיס און פארגרעסערן די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט דורך די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג (Office of Strategic Workforce Development). די אגענטור ארבעט צוזאמען מיט ארויסשטייגנדע און פארגעשריטענע אינדוסטריעס ווי ריינע ענערגיע און סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג וואס זוכן צו וואקסן אין ניו יארק סטעיט, זי האלט אויף א נעטווארק פון הילף צענטערן צו העלפן קליינע ביזנעסער וואקסן און מצליח זיין, און זי מאכט מארקעטינג פאר די סטעיט'ס ערשט-קלאסיגע טוריזם דעסטינאציעס דורך "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק). פאר מער אינפארמאציע, באזוכט ביטע esd.ny.gov, און פארבינדט זיך מיט די ESD אויף LinkedIn, Facebook און X.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן